**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/14/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**שטייענדיג אין 'שארק פיש אויפמערקזאמקייט טאג', שיקט גאווערנער האקול ארויס נייע דראָונס צו פארמינערן געפארפולע באגעגענישן מיט שארק פיש אויף לאנג איילענד ברעגעס**

***נאכפאלגנדיג אפטערע באמערקונגען פון שארק פיש אין דעם אטלאנטישן אקעאן און די לאנג איילענד סאַונד טייך, אפפערט די ניו יארק סטעיט רעגירונג הילפס-מיטלען פאר לאקאלע רעגירונגען פאר פארבעסערטע נאכפאלגונג, קאמיוניקאציעס מיט אפיס פון סטעיט פארקס, דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג, ניו יארק סטעיט פאליציי און פארק פאליציי***

***סטעיט-ארויסגעגעבענע שארק פיש זיכערהייט אנווייזונגען: [זייט 'קלוג מיט שארק פיש']()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז נייע שארק פיש-נאכפאלגונג דראָונס וועלן ארויסגעשיקט ווערן צו פלעצער אויף די ברעגעס פון לאנג איילענד, ניו יארק סיטי און וועסטשעסטער קאונטי. די דראָונס וועלן ארויסגעשיקט ווערן כדי צו האבן אן "אויג פון די הימלען" נאכפאלגנדיג פריערדיגע [שריט וועלכע זענען אונטערגענומען געווארן צו אדרעסירן און פארשטערקערן די זיכערהייט]() פון די וועלכע גייען באזוכן די סטעיט ברעגעס. א סך הכל פון ביז אזויפיל ווי 60 וועלן זיין צו באקומען פאר לאנג איילענד, ניו יארק סיטי און וועסטשעסטער קאונטי ברעגעס. גאווערנער האקול האט געמאכט די אנאנס אין 'שארק פיש אויפמערקזאמקייט טאג' וואס ווערט געפייערט אריבער די וועלט אום יולי 14.

"אזוי ווי די וועלכע גייען צו די ים ברעג געניסן דעם זומער אין ניו יארק פארברענגנדיג צייט אויף טייל פון די הערליכסטע ברעגעס אינעם לאנד, האבן מיר צוגעלייגט די אויג פון די הימלען," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "סטעיט איינגעשטעלטע וועלן פארזעצן צו טוהן אלעס וואס מיר קענען צו האלטן די וועלכע גייען צו די ברעגעס זיכער. מיר האבן די כלים און סטראטעגיעס צו נאכפאלגן ים באשעפענישן און באשיצן די געזונטהייט און זיכערהייט פון ניו יארקער. די נייע דראָונס וועלן אונז ערלויבן צו דורכזוכן די וואסער און העלפן לאקאלע רעגירונגען אריבער לאנג איילענד און ניו יארק סיטי צו האלטן די לאקאלע ברעגעס זיכער פאר יעדן."

פריער דעם יאר האט גאווערנער האקול אוועקגעשטעלט נייע שארק פיש זיכערהייט פראטאקאלן אין פלאץ שטייענדיג בעפאר דעם זומער סעזאן. די ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג ( New York State Office of Parks, Recreation and Historic Preservation, 'סטעיט פארקס') און די דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation, DEC) האבן פארמערט די נאכפאלגונג פון די וואסער זינט שארק פיש זענען געזעהן געווארן דורכאויס די יולי דעם פערטן האלידעי און דערנאך.

די סטעיט פארקס אפיס גיבט נייע דראָונס פאר לאקאלע רעגירונגען אין דאַונסטעיט ראיאנען, און זי דעקט אויך די קאסטן פון טרענירונג און אפעראציע. אזוי ווי רוב לאקאלע רעגירונגען האבן נישט די מעגליכקייטן זיך צו באנוצן מיט דראָונס פאר נאכפאלגונג, וועט די אינוועסטירונג ארויסהעלפן לאקאלע

רעגירונגען און אגענטורן אריבער די גאנצע ברעגע פון לאנג איילענד און ניו יארק סיטי צו פארשטערקערן זייערע נאכפאלגונג באמיאונגען, זוכנדיג פאר סכנות'דיגע ים באשעפענישן, אריינרעכענענדיג שארק פיש, גרופעס פון פיש וואס שארק פיש עסן, און אזוי אויך סיעלס אדער פויגלען וואס טאנצן אריין אין וואסער.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטאריע אפהיטונג קאמישאנער, עריק קאָלעסייד, האט געזאגט,** "מיר זענען יעצט מער וואכזאם פון סיי ווען בעפאר. צוזאמען מיט אונזער פלאטע פון דראָונס אין די סטעיט פארקס, העלפן מיר ארויס קאמיוניטיס צו באוואכן זייערע וואסערן. מיר האבן אויך לייפגאַרדס אויף WaveRunner דזשעט סקיס וועלכע קענען ארומפארן אראפ פון די ברעגעס און אויספארשן ווען עפעס ווערט געזעהן פון אויבן."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער, בעזיל סעגאָס, האט געזאגט,** "די DEC אפלאדירט די גאווערנער'ס אינוועסטירונגען צו העלפן קאמיוניטיס אויף די ברעגעס צו נאכפאלגן שארק פיש צו באשיצן פובליק זיכערהייט, און מיר קוקן ארויס צו פארזעצן צו ארבעטן מיט אונזערע שותפים לענגאויס די ברעג. מענטשן וואס גייען שווימען קענען טוהן זייער חלק דורכן אויספאלגן שארק פיש זיכערהייט אנווייזונגען צו מינימיזירן די סכנה פון באגעגענישן מיט שארק פיש און צו מאכן א טאג ביי ניו יארק'ס ברעגעס אפילו מער הנאה'דיג."

צו מינימיזירן די סכנה פון א באגעגעניש מיט שארק פיש, מוטיגט די DEC מענטשן וואס גייען שווימען זיך צוריקצוהאלטן פון שווימען פארטאגס, אין אוונט און ביינאכט, צו בלייבן נאענט צו די טרוקעניש און צו שווימען אין גרופעס. דעם פרילינג האט די סטעיט פארקס אפיס אפגעהאלטן א זיצונג אין פארברייטונג צום דעם סעזאן צוזאמען מיט לאקאלע רעגירונגען און אגענטורן ארום די ברעגעס כדי צו איבערגעבן די לעצטע אינפארמאציע איבער שארק פיש אקטיוויטעט אין ניו יארק סטעיט און איבערגיין וויאזוי מעלדונגען וועלן קאארדינירט ווערן. אין צוגאב האט די DEC ארויסגעגעבן אירע [אנווייזונגען צו פארקלענערן די סכנה פון נעגאטיווע באגעגענישן מיט שארק פיש](#).

ווען א שארק פיש ווערט באמערקט און/אדער באגעגנט אראפ פון די ברעגעס אין סטעיט פארקס, ווערט שווימען אפגעשטעלט און אלע וועלכע באדן זיך ווערן ארויסגערופן פון די וואסער. שווימען איז ערלויבט זיך צו צוריק אנהויבן צום ווייניגסטנס א שעה נאך וואס די פיש ווערט די לעצטע מאל געזעהן. סטעיט פארק לייפגאַרדס, פארק פאליציי און פארק איינגעשטעלטע זענען וואכזאם און פאטראלירן די וואסער פאר געפארפולע ים באשעפענישן.

אין צוגאב, ווערט א מעלדונג ארומגעשיקט אריבער די 'לאנג איילענד ברעגעס וואכזאמקייט גרופע' (Long Island Coastal Awareness Group) וואס באשטייט פון איבער 200 מענטשן פון לאקאלע רעגירונגען, אגענטורן און פריוואטע ברעגע אויפהאלטער ציהענדיג זיך פון קווינס ביז לאנג איילענד — כדי זיי זאלן קענען אונטערנעמען די נויטיגע שריט, יעדער איינער דארט וואו זיי זענען פאראנטווארטליך.

סוף מאי האט גאווערנער האקול אנאנסירט [פארשטערקערטע שארק פיש נאכפאלגונג מאסנאמען](#) פאר לאנג איילענד סטעיט פארק ברעגעס, אריינרעכענענדיג די סטעיט פארקס'ס פארברייטערטע נאכפאלגונג מעגליכקייטן:

- ניו יארק סטעיט האט צוגעלייגט 10 דראָונס צו די אכט וואס זענען געווען אין אפעראציע לעצטע יאר. איינס פון די נייע דראָונס וואס גייען אריין אין די פארק פאליציי פלאטע איז א גרויסע פארגעשריטענע מאדעל וואס האט די מעגליכקייט צו כאפן בילדער דורך היץ, מעסטן ווייטקייטן מיט לעיזער און עס איז אויסגעשטאט מיט קאמעראס פון א הויכע קוואליטעט צו ערלויבן נאכפאלגונג און פאטראלן דורכאויס נאכט שטונדן און אין שווערע וועטער. די דראָון קען אויך

אראפלאזן א וועסט אדער אנדערע זאך וואס העלפט זיך האלטן העכער די וואסער אין עמערדזשענסיס

- 24 איינגעשטעלטע, אריינרעכענענדיג פּארק פּאליציי אפיצירן, סטעיט פּארק אפעראציע מאנשאפט מיטגלידער, לייפגאַרדס און סערטיפייד דראָון פילאטן ווערן יעצט טרענירט.
- סטעיט פּארקס ענווייראמענטאלע אויפקלערונג איינגעשטעלטע לערנען אויס מענטשן איבער שארק פיש וואסערן פאר מענטשן אויף דזשאָנס ביטש, ראבערט מאָזעס און סאָנקען מעדאָו
- צוויי נייע Yamaha WaveRunners דזשעט סקיס זענען איבערגעגעבן געווארן צו לייף גאַרדס וועלכע פּאטראלירן סיי דזשאָנס ביטש און ראבערט מאָזעס סטעיט פּארקס. די צוויי נייע דזשעט סקיס זענען אין צוגאב צו איינס וואס איז שוין יעצט אין אפעראציע ביי די סאָנקען מעדאָו סטעיט פּארק
- נאך ליידיגע צווישן-זאנעס זענען אוועקגעשטעלט געווארן צווישן פלעצער צו שווימען און פלעצער צו כאפן פיש
- ווען א שארק ווערט געזעהן וועט די ניו יארק סטעיט פּאליציי לופט איינהייט זיין גרייט זיך צו אפרופן ווי נויטיג

כדי צו מינימיזירן די אויסזיכטן זיך צו באגעגענען מיט א שארק פיש, עצה'ט די דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג צו אויספאלגן די פאלגנדע [שארק פיש זיכערהייט אנווייזונגען]:

- שטייט אוועק פון פלעצער מיט סיעלס
- שטייט אוועק פון פלעצער מיט גרופּעס פון פיש וואס שווימען צוזאמען, פיש וואס טאנצען אדער ים פויגל
- האלט זיך צוריק פון שווימען פארנאכטס, פארטאגס און ביינאכט
- שטייט אוועק פון געדיכטע וואסערן וואס זענען נישט דורכזיכטיג
- גייט שווימען, פעדלען און סורפען נאר אין גרופּעס
- בלייבט נאענט צום בארטן, וואו אייערע פיס קומען אן צו די ערד
- פאלגט שטענדיג אויס די אנווייזונגען פון לייף גאַרדס און פּארק איינגעשטעלטע

**נעסאו קאונטי עקזעקיוטיוו ברוס בלעיקמאן האט געזאגט,** "נעסאו קאונטי האט פון די הערליכסטע ברעגעס אין די וועלט וועלכע ווערן רעגלמעסיג באזוכט יעדן זומער דורך מיליאנען מענטשן. צווישן אונזערע לייפגאַרדס, 'מארין ביורא', העליקאפּטערס, טרעקלער וועלכע קענען פארן אויף זאמד און דראָונס — ווערן די ברעגעס גוט באשיצט פון סיי וועלכע סכנה, אריינרעכענענדיג שארק פיש. אויב באזיכער פון אונזערע ברעגעס פאלגן אויס די שכל'דיגע זיכערהייט באווארענונגען, צום ביישפיל שווימען נאר באשיצטע פלעצער, זענען די אויסזיכטן גאר קליין אז זיי וועלן זיך באגעגענען מיט א שארק פיש. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול פארן ארבעטן בשותפות מיט אונז, מיטן צושטעלן די מיטלען ווי דראָונס וועלכע האלטן אונזערע איינוואוינער און באזיכער זיכער."

**אויסטער בעי טאַון סופּערווייזאר דזשאָסעף סעלעדינאָ האט געזאגט,** "מיט שארק פיש באמערקונגען ווערנדיג אן אפטערע ערשיינונג, וועלן די דראָונס אונז ווייטער העלפן צו בעסער נאכפאלגן וואסערן און האלטן מענטשן וואס גייען צו די ברעג זיכער. איך באדאנק גאווערנער האקול פארן גיבן די 'אויגן אין די הימלען' פאר לאקאלע רעגירונגען אריבער די גאנצע ראיאן."

**סאַוטהעמפטאן טאַון סופּערווייזאר דזשי שניידערמאן האט געזאגט,** "סאַוטהעמפטאן שטאלצירט זיך מיט טייל פון די הערליכסטע ברעגעס אינעם לאנד. די וואסער ביי די ברעגעס זענען אויך חלק פון די געוואלדיגע נאטורליכע עקאלאגישע סיסטעם וואס טאַון ארבעט שווער צו פלעגן און באשיצן. שארק פיש

זענען א חלק פון די נאטורליכע עקאלאגישע סיסטעם, און זיי שטעלן א נאטורליכע געפאר צו מענטשן וואס גייען צו די ברעג. דאס ארויסשיקן מער דראָון טעכנאלאגיע דורך די סטעיט וועט האפנטליך העלפן אונזערע איינוואוינער און באזיכער צו געניסן פון די הערליכע ברעגעס זיכערערהייט בשעת'ן היטן אויף א זיכערע און באשיצטע אינטעראקציע צווישן די מענטשן וואס גייען צו די ברעג און די וויכטיגע ים באשעפענישן וועלכע עקזיסטירן נאטורליך אין די וואסערן."

**אייסליפ טאון סופערווייזאר ענדזשי קארפענטער האט געזאגט,** "מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פארן צושטעלן פאר לאקאלע רעגירונגען די ווערטפולע מיטלען. דא אין לאנג איילענד, זענען מיר מזל'דיג צו האבן פון די הערליכסטע ברעגעס אין די וועלט וועלכע ווערן באזוכט דורך מיליאנען מענטשן וועלכע זוכן צו מאכן לוסטיגע זומערדיגע זכרונות מיט זייערע פאמיליעס. די דראָונס וועלן ערלויבן טאון לייפגאַרדס און איינגעשטעלטע צו נאכפאלגן אונזערע אקעאן וואסערן און האלטן די מענטשן וואס באדן זיך זיכער, פארזיכערנדיג אז זיי גייען אוועק מיט פרייליכע זכרונות."

**העמפסטעד דעפיוטי טאון סופערווייזאר דאראטי גוסבי האט געזאגט,** "אין נאמען פון די טאון אָוו העמפסטעד, אפלאדיר איך אונזער גאווערנער. גאווערנער האקול'ס ברייטע לייזונג מיטן צושטעלן דראָונס, צוזאמען מיט בארייכערטע נאכפאלגונג מאסנאמען וועט העלפן פארזיכערן אז אונזערע פאמיליעס און קאמיוניטיס בלייבן גאנץ, דורכן אונז האלטן פארזיכערט!"

**לאָנג ביטש פאליציי קאמישאנער און צייטווייליגער סיטי מענעדזשער, ראנעל דזש. וואלש, האט געזאגט,** "גארנישט איז נישט וויכטיגער פון די זיכערהייט פון אונזערע איינוואוינער און באזיכער. מיר באדאנקען גאווערנער פארן אונז צושטעלן די צוגאבליכע כלי צו העלפן די באפעלקערונג וואס גייט צו אונזער ברעג זיכער. מיר קוקן ארויס צו לייגן די דראָונס צום ארבעט."

מענטשן לאזן זיך אריין אין א סכנה ווען אימער זיי גייען אריין אין סיי וועלכע ווילדע סביבה — אויפן טרוקעניש אדער אין די וואסער. כאטש עס איז אוממעגליך אינגאנצן אוועקצונעמען די סכנה, קענען די וועלכע באנוצן זיך מיט די אקעאן טויש זייער אויפפירונג צו מינימיזירן פאטענציאלע באגעגענישן מיט שארק פיש און רעדוצירן די אלגעמיינע סכנה. ווען איר זענט אינעם אקעאן, פאלגט אויס די DEC'o שארק פיש זיכערהייט אנווייזונגען צו מינימיזירן די פאטענציאל פון נעגאטיווע באגעגענישן מיט שארק פיש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן